**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר HOCHUL (האקול) מעלדט $62 מיליאן אין קונסטווערק און קאלטור גרענטס פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק**

***נאן-פראפיטס מיט באדשעטן אונטער $1 מיליאן האבן באקומען 70% פון די ארגאנאזאציע גרענטס***

***ברענגט ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערקס' גרענט פארטיילונג צו $84 מיליאן פארטיילט פאר די 2025 פיסקאלע יאר***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן איבער 2,000 גרענטס מיטן סך הכל פון $62 מיליאן דורך די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק ( New York State Council on the Arts) - די גרענטס וועלן שטיצן 1,497 נאן-פראפיט ארגענעזאציעס און 509 קונסטלער, פארמערענדיג צוטריט צו קונסטווערק געלטער און אנערקענען דער באדייטענדע עקאנאמישע און געזעלשאפליכע השפעה פון ניו יארק'ס וויכטיגע קונסטווערק און קאלטור סעקטאר. מיט מער ווי $21 מיליאן שוין פארטיילט אלץ מערערע-יעריגע גרענטס, וועט די רונדע פון פינאנצירונג ברענגען די 2025 פיסקאלע יאר'ס סך הכל צו $84 מיליאן אין גרענטס.

"אלס די קלארע פירער פון קונסטווערק און קאלטור, טוט ניו יארק'ס שעפערישקייט און אינאוואציע אינספירירן די וועלט," **האט געזאגט גאווערנאר Hochul (האקול).** "אונזערע ווייטערדיגע אינוועסטירונגען אין אונזער דינאמישע שעפערישע סעקטאר וועט ווייטער אונטערשטיצן טוריזם, פארשטערקערן אונזער לאקאלע עקאנאמיעס און ווייטער ערמעגליכן ניו יארק'ס הצלחה אלס א רייכע און אויפגעלעבטע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן."

NYSCA'ס אנגייענדע באמיונגען צו פארזיכערן ברייטערע צוטריט צו קונסטווערק געלטער האט אויך צוגעברענגט א 20% העכערונג אין אפליקאציעס, מיט 70% פון ארגאנאזאציע שטיצע גרענטס פארטיילט צו אינסטיטוציעס מיט באדשעטן פון אונטער $1 מיליאן איבערן גאנצן סטעיט. געניסער פון פיר אנדערע FY 2025 גרענט קאטעגאריעס זענען געמאלדן געווארן: שטיצע פאר ארגענעזאציעס, שטיצע פאר קונסטלער, געצילטע געלעגנהייטן, און רי-גרענטס און סערוויסעס. א פולע ליסטע פון די פארטיילטע גרענטס קען מען טרעפן [דא](#).

NYSCA טוט אויך אנעמען אפליקאציעס פאר $80 מיליאן אין גרענטס פאר די קאפיטאל פראיעקטן פאנד ביז דינסטאג, יאנואר 14, 2025, ביז 4p.m. NYSCA'ס קאפיטאל פראיעקטן פאנד אינוועסטירט אין קאפיטאל איינריכטונגען און פארברייטערונג פראיעקטן פאר קאלטורישע נאן-פראפיט ארגענעזאציעס וועלכע שטופן פאראויס גרינגע צוטריט, פארשידענארטיגע פראגראמינג, ענווייראנמענטאלע סאסטעינעביליטעיט און נאך. די געלטער העלפט אנצוהאלטן און שאפן פרישע דשאבס וועלכע געבן צו צו די וואוקס פון ניו יארק'ס קונסטווערק און טוריזם סעקטארן. באזוכט די [NYSCA וועבזייטל פאר מער דעטאלן](#).

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די NYSCA Erika Mallin (עריקא מאלין) האט געזאגט,** "די אנגייענדע שטיצע פון די גאווערנאר און לעגיסלאטור איז עדות צו זייערע איבערגעגעבנקייט צו די וויכטיגקייט פון אונזער סעקטאר, וואס איז קריטיש וויכטיג פארן געזונט פון אונזערע קאמיוניטיס און עקאנאמיע. אין נאמען פונעם קאונסיל, טוען מיר קאנגראטולירן און באדאנקען אלע וואס האבן באקומען גרענטס. זייער ארבעט וועט ווייטער פארזיכערן אונזער שטאט'ס השפעה אלס די קונסטווערק הויפטשטאט פונעם וועלט."

**סטעיט סענאטאר Jose M. Serrano (דשאוז מ. סערענאו) האט געזאגט** "קונסטווערק בויעט אויף קאמיוניטיס, אינספירירט לערנען און פארשטערקערט אונזער קשרים איינער מיט דער אנדערע און מיטן ברייטע וועלט. מיטן שטיצן די געוואלדיגע נומער פון נאן-פראפיטס און קונסטלער, טוען מיר שאפן א מער ליכטיגע און אינטערעסאנטע צוקומפט פאר ניו יארקער איבערן סטעיט. איך טו אפלאדירן די היי-יעריגע NYSCA גרענט-געניסער און קוק ארויס פאר אלע ענקער בײשטייערונגען און שעפערישקייט."

**אסעמבעלימאן Daniel O'Donnell (דניאל א'דאנעל) האט געזאגט,** "אלס די יושב ראש פון טוריזם, פארקס, קונסטווערק און ספארט אנטוויקלונג, טוט איך אפלאדירן די באאיינדרוקטספולע נומער פון NYSCA גרענטס פאר אונזערע נאן-פראפיטס און קונסטלער, און איך בין דאנקבאר פאר די קריטיש וויכטיגע שטיצע פון גאווערנאר Hochul און פון מיינע מיטארבעטער אין די לעגיסלאטור פאר אונזער פלייסיגע שעפערישע סעקטאר. מזל טוב פאר אלע NYSCA גרענט געניסער, אייער שעפערישקייט און איבערגעגעבנקייט ברענגט געוואלדיגע בענעפיטן פאר אונזערע איינוואוינער און באזוכער דורכאויס ניו יארק סטעיט."

**איבער די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק**
די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק איז צו פלעגן און פאראויס שטופן די פולע ספעקטרום פון ניו יארק סטעיט'ס קונסט, קולטור און שעפערישקייט פאר יעדן. כדי צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג פון די קונסט פעלד אריבער ניו יארק סטעיט, וועט די קאונסיל פאר קונסטווערק פארטיילן $162 מיליאן אין די פיסקאלע יאר 2025, באדינענדיג ארגענעזאציעס און קונסטלער אריבער אלע 10 פון די סטעיט ראיאנען. די קאונסיל פאר קונסטווערק טוט ווייטער פאראויס שטופן ניו יארק'ס שעפערישע קולטור דורכן צוזאמברענגען פירער אין דעם פעלד און צושטעלן ארגאניזירונג און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן און אזוי אויך אינפארמאציע קוועלער.

געעפנט דורך גאווערנאר Nelson Rockefeller (נעלסאן ראקעפעלער) אין 1960, און יעצט מיט די שטיצע פון גאווערנער Hochul און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, איז די קאונסיל אן אגענטור וועלכע איז טייל פון די עקזעקיוטיוו פליגל. פאר מער אינפארמאציע איבער NYSCA, באזוכט ביטע [arts.ny.gov](arts.ny.gov) און קוקט נאך NYSCA'ס Facebook בלאט, אויף X @NYSCArts און אויף Instagram @NYSCouncilontheArts.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()